# תשורה

מכינוס הכנה לתלמידי התמימים
לקראת
ג' תמוז ה'תשס"ו

יום שני, אדר"ח תמוז ה'תשס"ו

בס"ד

# פתח דבר

בימי ההכנה ליום הגדול והקדוש ג' תמוז, ימי סגולה לחיזוק ההתקשרות לכ"ק אבינו רוענו כ"ק אדמו"ר מלך המשיח –

וכלשונו הזהב של הרבי באגרת ג' תמוז ה'שי"ת (אגרות קודש כרך ג ע' שלב): "על כל אחד ואחת מאתנו כולנו לדעת, היינו להעמיק דעתו ולתקוע מחשבתו בזה, אשר הוא הוא הנשיא והראש, ממנו ועל ידו הם כל ההשפעות בגשמיות וברוחניות ועל ידי ההתקשרות אליו (וכבר הורה במכתביו איך ובמה מתקשרים) קשורים, ומיוחדים בשרש ושרש השרש עד למעלה מעלה כו'".

מן הראוי, אשר בניו של הרבי התמימים מישיבות ליובאוויטש ברחבי תבל, השוהים בבית חיינו, יתכנסו "כאיש אחד בלב אחד", לקבל החלטות ממשיות לחיזוק ההתקשרות וזירוז התגלותו השלימה תיכף ומיד ממש.

בהתאם להוראת הרבי באירועים כגון דא, לחלק לכל אחד מהמשתתפים תשורה מיוחדת כמזכרת נצח מהכינוס, מוגשת בזה תשורה מיוחדת לכל אחד ואחד מהתמימים שיחיו, הכוללת מענות ואגרות הרבי – בפירסום ראשון – בכתב-יד קודש.

תפלתנו ובקשתנו, שעצם ההתכנסות, כאיש אחד בלב אחד, תזרז את משאלות לבב כל אחד ואחד מאתנו ומשאלות לב כלל אחינו בני ישראל, שעד ג' תמוז נזכה לראות בעיני בשר את מימוש הבטחתו ונבואתו של הרבי ש"הנה זה מלך המשיח בא", וכבר בא תיכף ומיד ממש.

**המארגנים**

# כשמתעייף מהלימוד

מענה לאחד ששאל עצה איך להתמיד בלימוד
כאשר מתייעף באמצע הלימוד ומקבל כאב ראש



**כשמרגיש שנתייעף מהלימוד וכאב ראש – יחליף לימודו מלעיונא לאופן דלמגרס (בענין אחר בתורה), מהלכה לאגדה וכיו"ב – לשעה לערך.**

**רגיל הדבר אצל כו"כ** [= כמה וכמה] **ואין מקום לדאגה כלל.**

**בדהת"פ** [= בדיקת התפילין]. **ט"ק** [=טלית קטן] **כשר.**

# בזבוז זמן הקיץ

מענה לאחד מאנ"ש, אודות בנו שלמד בניו יורק



**ועתה מתקרב כאן הזמן ד"חופש" – בתחלת תמוז – די גאָר גרויסע רייבעניש** [= בזבוז הגדול] **של הזמן ושל ציור הת' שליט"א**

# לימוד התניא כשאינו מבין היטב

מענה לאחד ששאל: א) איך לחלק את זמנו בין לימודו לעצמו ועזר לאחרים,
ב) האם ללמוד תניא למרות שאינו מבין היטב את הלימוד



**איך לחלק הזמן בין לימוד לעצמו ועזר לאחרים – מובן שאין כל העתים שווים אבל פשוט שצ"ל** [=שצריך להיות] **שניהם וכפס"ד חז"ל** [= וכפסק-דין חכמינו ז"ל] **שמביאו כל האומר אין לי אלא תורה כו' –**

**מובנת הפליאה לשאלתו הללמוד תניא אף שאינו מבינים כו' – דלמה לא יבין כשאך ילמוד ברצון להבין <u>בודאי</u> שיבין. ואף שלא יבין כהבנת אלה שלמדו כו"כ זמן וכו' – הרי גם בלימוד החומש גמרא וכו' כן הוא, וכלל <u>בכל</u> חלקי התורה יגעת ולא מצאת אל תאמין**

Tel.: HYacinth 3-9250 | Cables: LUBAVITCH NEWYORK

מזכירות
כ"ק אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א שניאורסאהן
ליובאוויטש

SECRETARIAT of RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
the Lubavitcher Rabbi
770 EASTERN PARKWAY, BROOKLYN 13, N. Y.

ב"ה, י"א תמוז תשמ"ב
ברוקלין

אל הנהלה "גן ישראל"
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

מועתק בזה נוסח הברכה שהואיל כ"ק אדמו"ר שליט"א לשלוח למחנות "גן ישראל" בקשר עם פתיחתן שנה זו.

ש. מ. שמוטקין
מזכיר

-------------------

ב"ה, עש"ק יב' תמוז, יום הולדת דבעל הגאולה, חדש הגאולה,
פ' מראש צורים אראנו,
ה'תשמ"ב. ברוקלין, נ.י.

ל"גן ישראל"

ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

תהי' פתיחת ה"גן ישראל" וכל משך שהותם בו בהצלחה רבה,

וימשיכו ההצלחה בכל עניני גן-ישראל הגשמיים והרוחניים,

וגן- ישראל יתאים לשמו להצמיח אילנות טובים נושאים פירות טובים,

ויקוים בהם הכתוב יבוא דודי (זה הקב"ה) לגנו לגנוני, דירתו ית',

על ידי לימוד תורתנו וקיום מצותי' מוארים באור וחיות חסידותיים,

כרצון ותקות בעל הגאולה כ"ק מו"ח אדמו"ר, והקב"ה עוזרם.

ועי"ז יקרבו עוד יותר קיום היעוד של השם אלקיך המעלך מארץ מצרים, כן אראנו נפלאות בגאולתנו האמתית הכללית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

בברכת שבת טוב
ובברכת חג הגאולה שמח

מנחם שניאורסאהן

<u>מראש צורים אראנו</u>: שיעור היום (בשיעורי חת"ת הידועים). <u>דודי..לגנוני</u>: מדרש רבה במקומו. נתבאר בהמשך באתי לגני, השי"ת. <u>והקב"ה עוזרם</u>: סוכה נב,ב. ובתניא רפ"ג: <u>מיד</u>. ובאמר (תהלים ע,ב): ה' לעזרתי <u>חושה</u>. <u>השם..מצרים</u>: תהלים פא,יא. <u>מארץ ..נפלאות</u>: מיכה ז, טו. <u>בגאולתנו..צדקנו</u>: ובפרט <u>ע"י</u> תורה וצדקה כמש"נ (ישעי' א,כז): ציון במשפט תפדה ושבי' <u>בצדקה</u>, <u>וע"י</u> התפלה על הגאולה.

By the Grace of G-d
4th 66 Adar, 5720
Brooklyn, N.Y.

Blessing and Greeting:

Your letter was duly received, but for various reasons connected with pressing duties my reply was delayed.

You ask, on the basis 66 what you have heard about the students 66 the Lubavitcher Yeshivoth, What special qualities distinguish them?

Although I assume that those who spoke so highly of them must have also indicated wherein lies the distinguishing characteristics of the Lubavitcher students, I will not leave your question unasswered, and will note down at least some points in which they stand out. I trust that if you will find these points in agreement with your views and feelings, you will draw the right conclusions therefrom.

As we recently observed the Yahrzeit-Hilulo of my father-in-law of saintly memory on the 10th of Shevat, it was surely an occasion to reflect on his world outlook and way of life. Being, together with his saintly father, a co-founder of the Lubavitcher Yeshivoth and standing at their head all his life, he spared no effort to see to it that the students be educated and trained in the spirit and ideals of the Lubavitcher Yeshivoth. The essential characteristic and purpose of the students, as expressed by his father when the Yeshivah was created, was that the students should be נרות להאיר, that is candles that are illuminated for themselves and illuminating all around, and that these two things go hand-in-hand together. In other words, not merely to endeavor to perfect themselves more and more and incidentally, when they find the time, to do something also for somebody else; but with the same devotion with which they dedicate themselves to their own spiritual advancement, they would dedicate themselves also to the spiritual advancement of others at the same time. Thus while diligently observing their Yeshivah curriculum and personal commitments to their own education, the Lubavitcher students take time off to take care of thousands of children via the Release Hour, Mesibos Shabbos, and similarly activities, as you well know, something that requires real self-sacrifice. And so they are expected, and do, go through life as "illuminated and illuminating lights."

Needless to say, this world outlook and way of life corresponds to the teachings of Chassidus in general, as was taught and practised by its founder the Baal Shem Tov, whose 200th Yahrzeit will be observed this year. For even before he revealed himself as the founder of Chassidus he devoted himself to the education of very young children, while at the same time teaching the profoundest secrets of the Torah to the great scholars and Rabbis who considered themselves privileged to be among his close disciples.

As I mentioned earlier, I trust that if you consider this distinguishing characteristic of the Lubavitcher students as being in harmony with your own views and feelings, I trust that you will, from now on at least, join the ranks of their admirers and adherents.

At any rate, I hope that on your part you are doing everything possible for you to do for the strengthening and dissemination of Yiddishkeit in your environment.

Hoping to hear good news from you,

With blessing

By

**בס"ד. משיחת אור לי"ג ניסן ה'תשמ"ב.** **הנחה פרטית בלתי מוגה**

אַזוי ווי ביי מיר איז אַן ענין מצד כמה סיבות וואָס איך האַלט באַ **סיום** פון דער התוועדות –

איז אַזוי ווי ערשט איז אָנגעקומען די בשורה משמחת, אַז מ'האָט גערעדט מיט אַ פּאָר שעה צוריק אין רוסלאַנד, און מ'האָט זיי געטראָפן אין אַ סיום פון אַ התוועדות, און געפרעגט: וואָס איז דאָס מיטאַמאָל אַ פאַרברענגען; האָבן זיי געזאָגט בפשטות:

ס'איז דאָך געדרוקט, דאָרט איז דאָך פריער מיט זעקס צי זיבן שעה, האָבן זיי געזאָגט בפשטות: אַזוי ווי ס'איז י"ג ניסן, מאַכט מען אַ פאַרברענגען אַלס אַ יום הילולא פון צמח צדק.

אויב דאָס איז אַזוי מאחורי מסך הברזל – על אחת כמה וכמה ווי ס'דאַרף זיין דאָ.

וואָס דערפאַר איז מובן בפשטות, אַז מסתמא וועט מען ממשיך זיין אין דער התוועדות, וכל המרבה הרי זה משובח, מיט די הגבלות הידועות בהנוגע צו ניט מער פון פיר קעלשיקלעך, און אפילו אין דערויף גופא בשעת ס'וועט זיין ניט קיין מלאים נאָך האַלבע, איז תבוא עליו ברכה.

וואָס דאָס דאַרף מען דאָך מערניט ווי אָפּנאַרן דעם "מלך זקן וכסיל", אַז מ'מיינט די משקה; אַזוי ווי ער איז אַ "כסיל", איז אַז ער וועט אים באַווייזן אַ קעלשיקל – וועט דעם כסיל ניט איינפאַלן אַז מ'דאַרף קוקן אינעווייניק צי איז ער אַ פולער אָדער ניט; וויבאַלד אַז ער איז אַ שיכור, איז ביי אים קיין ספק ניט, אַז בשעת מ'האָט אַ קעלשיק – איז ער אַ פולער מיט משקה! אים פאַלט ניט איין, אַז אַ איד איז אַ קלוגער, און ער קוקט אויף משקה ווי נשיא דורינו האָט דאָס מסביר געווען בשיחתו הידועה, וואָס איז שוין אויך אָפּגעדרוקט אין לקוטי דיבורים, ואין כאן המקום להאריך בזה.

און דער עיקר איז, כאמור, אַז ס'זאָל זיין אַ חסידישע התוועדות,

און די התוועדות זאָל ברענגען לידי הוספה סיי במחשבה, סיי בדיבור און סיי במעשה, און דער עיקר – אין מעשה ש"הוא העיקר",

אַנהויבנדיק פון די ענינים וואָס מ'האָט גערעדט פריער וכל המרבה **בהם** הרי זה משובח, וכל המרבה אין נאָך ענינים פון יהדות איז תבוא עליו ברכה,

נוסף אויף דעם עצם ענין, וואָס דערווייליג וועט מען זיך געפינען במעמד פון כמה פון אידן צוזאַמען, וואָס "אכל בי' **עשרה** שכינתא שריא", על אחת כמה וכמה ווען דאָס איז מערער,

און וואָס דאָס איז דאָך אויך אין די טעג וואָס זיי זיינען בסמיכות ממש לימי חג הפסח פון אלע ד' בנים צוזאַמען, און אין זיי גופא – אין "אח"ד" בניסן, כמדובר לעיל בהנוגע צו אחד, און וואָס אח"ד בניסן זינט שנת תרכ"ו, ה' אלפים תרכ"ו, איז צוגעקומען בגלוי אַז ס'איז געוואָרן דער "יום זכאי" וואָס "פועל ישועות בקרב הארץ", מיטן גאַנצן שטורעם פון זיין עבודה,

וואָס אף על פי וואָס ווי דערמאָנט פריער איז געווען זיין חידוש וואָס ער איז געווען "בקרב הארץ" –

געפינט מען דאָך אויך נאָך אַ **גרעסערן** חידוש, אַז דער ריבוי סיי (אין פנימיות התורה) אין נגלה דתורה סיי אין פנימיות התורה, אין חסידות, געפינט מען ניט אַט דעם ריבוי באַ די רביים שלפניו, און אויך ניט די רביים שלאחריו זה.

וואָס חס ושלום לאנשים כערכינו אַריינגיין אין מעסטן און פאַרגלייכן די "מאורות הגדולים" פון דער וועלט און פון (תור) עולם החסידות במיוחד –

אָבער מ'דאַרף דאָך אַרויסנעמען "טאַפּאָרו דאַ פלאַחאַ" וואָס ס'איז נוגע צו **יעדערן**, איז בעבודת השם אַ ס'קומט י"ג ניסן באַוואָרנט דאָס און דאָס איז מעורר, צום אַלעם ערשטן (הרחב פיך וא) "הרחב פיך" – בדברי תורה, קוקנדיק אויף דעם נשיא וועגן וועלכן ס'רעדט זיך אויף וויפל ער האָט זיך געקאָכט אין "הרחב פיך", און נאָך דערויף ווי ער האָט געהאָט טויזנטער בויגנס געשריבן סיי אין נגלה און סיי אין חסידות – האָט ער אויסגענוצט יעדער מעגלעכקייט און יעדער אפשריות אויף מוסיף זיין סיי אין ענינים פון נגלה סיי אין ענינים פון חסידות.

—א—

וואָס כאמור, מ'געפינט דאָס ניט אפילו ביים מיטעלן רבין, וואָס ער איז דאָך געווען "רחובות הנהר", און געדרוקט בשופי וכו', אָבער אַף על פי כן, אין אַזאַ אופן פון מאחד זיין כל התורה כולה, נגלה און חסידות, און אגדה און הלכה און זהר און מדרשים און כתבי האריז"ל און חידושי האחרונים וראשונים וכו' – געפינט מען דאָס ביים צמח צדק דוקא,

וואָס ביום ההילולא שלו דאַרף דאָס מעורר זיין און דער נקודה במיוחד, און אין אַן אופן, אַז דערנאָך זאָל דאָס נמשך ווערן בכל הימים שלאחרי זה, בחייו הפרטיים שלו.

וואָס דאָס האָט אויך אַ קשר להמדובר לעיל בהנוגע צו די קובצי תורה, איז כאמור לעיל דאָס קען מען בעטן בּאַ יעדערן לפי ענינו אין וואָס ער קאָכט זיך,

וואָס ס'איז דאָך דאָ בטבע בני אדם "אין דיעותיהן שוות", איז דאָ אַזוינע וואָס קאָכן זיך אין זרעים, און אַזוינע וואָס קאָכן זיך אין מועד, און אַזוינע וואָס קאָכן זיך אין נשים, אָדער אין נזיקין אָדער אין קדשים אָדער אין טהרות, אָדער אין הלכה אָדער אין אגדה, אָדער אין בקיאות אָדער אין פלפול –

איז דאָס איז אַ זאַך וואָס דאָס געהערט צו דעם בּאַ וועמען מ'בעט דאָס, וויבּאַלד אַז דאָס איז ביי אַן ענין אין תורה – איז דאָס אַ "תורה אחת", און נאָכמערער, אַז אַ הוספה אין **איין** ענין אין תורה – איז דאָס בדרך ממילא מוסיף אויף הבנה והשגה בכל שאר חלקי התורה, כמדובר כמה פעמים.

און בהנוגע בהמשך להאמור לעיל:

וויבּאַלד אַז ס'איז השגחה פרטית אָנגעקומען מיט אַ פאָר שעה צוריק, און אַז איך בין געקומען פון אוהל האָט מען מיר אויך אָנגעזאָגט אָט די בשורה טובה, מסתמא **ווייסן** זיי שוין – דאַרף דאָס אויך מוסיף זיין;

זיכער וואָלט מען ממשיך געווען אין דער התוועדות לכבוד יום ההילולא **בלאו הכי**; הוספה עצמה קען דאָך זיין בכמה וכמה אופנים באיכות, אויך בכמה וכמה אופנים בכמות – איז דאָ דער כש"כ וק"ו: מה-דאָך אַז אידן וואָס געפינען זיך אין יענער מדינה און אין יענעם מצב און אין דעם פחד ואימה וכו' וכו', איז אַף על פי כן האָט קיינער זיי ניט מעורר געווען, זיינען זיי נתעורר געוואָרן מעצמם און מיט אַ פשיטות, אַז וואָס הייסט! י"ג ניסן דאַרף זיין אַ פאַרברענגען פאַרבונדן מיטן צמח צדק!

דערפון פאַרשטאַנדיק על אחת כמה וכמה טובה במדה כפולה ומכופלת ווי ס'דאַרף זיין אין די מדינות וואָס ס'איז ניטאָ די אַלע הגבלות.

וכאמור – כל המוסיף הרי זה משובח, הוספה סיי בכמות סיי באיכות, נוסף אויף דער הוספה בכמות ובאיכות אין די אַלע ענינים וואָס מ'האָט גערעדט פריער – אין די מבצעים, און אין קובצי תורה וכו',

וכאמור – אין די קובצי תורה די הדגשה, אַז דאָס איז ניט אַן ענין חס ושלום פון **פירוד**, אויף אָפּטיילן זיך און פאַרקריגן זיך און איינרייסן זיך, "ראו מה בין בני וכו'" – נאָר פאַרקערט, מ'דאַרף אין דערויף אַריינציען מכל החוגים האפשריים,

און מ'וועט גאָר ניט דאַרפן אויף דערויף האַרעווען: אויב מ'וועט נאָר צוגיין בדרכי נועם ובדרכי שלום ובכבוד המתאים, און נאָך **מערער** ווי כבוד המתאים,

וכאמור, אַז ס'קומט-צו אין תורה ביי איין אידן, קומט-צו דערנאָך בתורתו של כל אחד ואחד מישראל, ביז אויך בּאַ כלל-ישראל.

און יהי רצון, אַז די **הכנות** לזה זאָלן זיין באופן **המתאים**, אָבער אויך **בזריזות** הכי גדולה, וואָרום מ'האָלט שוין עטלעכע שעה אין י"ג ניסן,

דערנאָך וועט זיך אָנהויבן די שאלה מ'דאַרף גיין צו בדיקת חמץ, וועט דאָך אַ שאלה וואָס דאַרף מען דאָ טאָן? און ווי אַזוי קען מען מקצר זיין וכו',

אשר לכן, בנוגע צו תפילת שחרית, בנוגע צו תפילת מנחה, איז דאָך ידוע די הנהגה פון אידן אין ימות החול, ווי אַזוי מ'איז אין דערויף מקצר, ניט "**הרחב** פיך" ווי ער זאָגט אין ירושלמי, נאָר מ'איז **מקצר** אין די עניני התפילות,

–ב–

בשעת ס'קומט אָבער צו בדיקת חמץ איז אַ דין אין שולחן-ערוך, אַז מ'דאַרף בודק זיין בכל החורין ובכל הסדקין, אין אַלע שפּאַלטן – גייט דאָ ניט אָן קיין קונצן: ער וועט דאָס מאַכן בקיצור – ער מאַכט דאָס בקיצור, איז פאַרקערט ווי אין שולחן-ערוך.

אַז מ'רעדט מיט אים וועגן עבודת התפילה – זאָגט ער, אַז משה רבינו האָט אים באַוויזן די וועג, און די גמרא ברענגט דאָס אַראָפּ, אַז בשעת מ'זאָגט **פינף ווערטער**: "א-ל נא רפא נא לה" – איז דאָס אַ תפילה וואָס דאָס האָט פּועל געווען! פינף ווערטער! אַז ער זאָגט **פינף** מאָל פינף, **פופציק** מאָל פינף, **הונדערט** מאָל פינף – איז ער הונדערט מאָל פון תפילתו של משה רבינו!

בשעת אָבער ס'קומט צו בדיקת חמץ, דאָס איז אַ הלכה פּסוקה, און דאָ גייט ניט אָן קיין קונצן, און די הלכה פּסוקה איז – "בכל החורין ובכל הסדקין".

במילא איז דערפאַר וואָס ס'קען מבלבל זיין צו אָט דעם ענין, איז די הכנות צו בדיקת חמץ ובדיקת חמץ עצמה,

אָבער יהי רצון, אַז על כל פנים זאָל ניט דאַרפן אָנרירן בדיקת חמץ, און אויסנוצן די צייט, אויב ס'רירט ניט אָן אין די מבצעים האמורים, בהנוגע צו די התוועדות,

און ווי ידוע דער סיפור פון נשיא דורינו, פון דעם אַלטן רבין, אַז אַ חסידישע התוועדות טוט נאָך אויף נאָך מערער ווי מלאך מיכאל, דער "שר הגדול", וואָס ער איז דער וואָס ווי געזאָגט אין נבואת דניאל איז ער עומד ומגין ומציל "כל העם הכתוב בספר", אַז "ונמלט",

און ס'זאָל אויפטאָן נאָך מערער, וואָס דאָס וועט נאָכמערער צוהיילן די ביאת משיח צדקנו, כמובן וגם פשוט.

און זאָל זיין די אַלע ענינים מתוך חיים אמיתיים, און זאָל זיין באופן של ברכה והמשכה על כל השנה כולה,

אָנהויבנדיק פון י"ג ניסן תשמ"ב, און דערנאָך אין ימים שלאחרי זה, ביז "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים", בבית המקדש אדי כוננו ידיך, בירושלים עיר הקודש, ובארץ הקודש, וכל העם בשלימותו,

בשנה זו **ממש**. לחיים.

לזכות
תלמידי התמימים שיחיו
המשתתפים בהתוועדות הכנה
לג' תמוז ה'תשס"ו